**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אז אפליקאציעס וועלן זיך מארגן עפענען פאר עמפייער סטעיט צייטונג און בראודקעסט מידיע דשאבס פראגראם**

***ערשטע אינעם לאנד שטייער קרעדיט פראגראם שטיצט דשאב שאפונג און אנהאלטונג ביי ניו יארק'ס לאקאלע צייטונג און בראודקעסט מידיע ביזנעסער***

***סטעיט אינוועסטירונג פארשטערקערט קאמיוניטי דשורנאליזעם צו פארזיכערן אז ניו יארקער בלייבן אינפארמירט***

***ביז 30 מיליאן דאלאר צו באקומען יעדער יאר ביז 2027***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז אפליקאציעס וועלן זיך עפענען דינסטאג, פעברואר 24, 2026 פאר די עמפייער סטעיט צייטונג און בראודקעסט מידיע דשאבס פראגראם (Empire State Newspaper and Broadcast Media Jobs Program), וואס שטעלט צו קריטישע פינאנציעלע שטיצע פאר בארעכטיגטע צייטונג און בראודקעסט מידיע ביזנעסער וועלכע אפערירן אין ניו יארק סטעיט. אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development), טוט די פראגראם צושטעלן ביז 30 מיליאן דאלאר א יאר אין שטייער קרעדיטס צו העלפן לאקאלע מידיע אוטלעטס שאפן נייע דשאבס און אנהאלטן צו עקזיסטירנדע איינגעשטעלטע. אינפארמאציע איבער די פראגראם און וויאזוי זיך איינצוגעבן קען מען טרעפן [דא](#).

"לאקאלע צייטונגען, בראודקעסטערס און דשורנאליסטן זענען די ריקן-ביין פון אונזער דעמאקראטיע. זיי אינפארמירן אונזערע שכנים, לאזן הערן קאמיוניטי שטימעס, און האלטן אונזערע פירער פאראנטווארטליך," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די פראגראם וועט צושטעלן באדייטפולע שטיצע פאר צייטונג און בראודקעסט מידיע ביזנעסער, האלטנדיג רעפארטער צו זייערע באשטימטע געביטן, פארשטערקערנדיג לאקאלע דעקונג, און פארזיכערנדיג אז ניו יארקער האבן די געטרויעטע אינפארמאציע וואס זיי דארפן."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס לאקאלע מידיע אוטלעטס שפילן א וויכטיגע ראלע אין אונזער קאמיוניטי און אונזער עקאנאמיע. די עמפייער סטעיט צייטונג און בראודקעסט מידיע דשאבס פראגראם שטעלט צו די פינאנציעלע אינצענטיוון וואס די ביזנעסער דארפן צו אנהאלטן צו טאלאנטפולע איינגעשטעלטע און שאפן נייע דשאבס, פארשטערקערנדיג די וויכטיגע אינדוסטרי לענגאויס דעם סטעיט."

די פראגראם שטעלט צו א שטייער קרעדיט מיט צוויי חלקים:

- **שאפן נייע דשאבס חלק (ביז 4 מיליאן דאלאר צו באקומען יעדעס יאר):** א קרעדיט פון 5,000 דאלאר פער נעט פול-טיים דשאב געשאפן פון יאר צו יאר, און ביז 20,000 דאלאר פער ביזנעס.

- **עקזיסטירנדע דשאבס חלק (ביז 26 מיליאן דאלאר צו באקומען יעדעס יאר)**: א קרעדיט גלייך צו 50 פראצענט פונעם יערליכע געהאלט פער איינגעשטעלטע וואס מען האלט אן, מיט א מאקסימום קרעדיט פון 25,000 דאלאר פער איינגעשטעלטע און 300,000 דאלאר פער ביזנעס.

צו פארזיכערן אז די פראגראם קען ארויסהעלפן סיי גרויסע און סיי קליינע ביזנעסער, וועלן די געלטער צוטיילט ווערן גלייך אויף גלייך, מיט 50 פראצענט פון די געלטער וואס וועט גיין פאר קליינע ביזנעסער מיט 100 אדער ווייניגער ניו יארק-באזירטע איינגעשטעלטע, און די פארבליבענע 50 פראצענט וואס וועט גיין פאר גרעסערע ביזנעסער מיט מער ווי 100 ניו יארק-באזירטע איינגעשטעלטע. די פראגראם וועט אננעמען אפליקאציעס דורך די סטעיט'ס [צאמגעשטעלטע פינאנצירונג אפליקאציע ( Consolidated Funding Application)](). די אפליקאציע תקופה פאר'ן 2025 פראגראם יאר וועט זיך שליסן אויף אפריל 25, 2026. אפליקאציעס וועלן ווערן פראצעסירט לויט'ן סדר וואס זיי קומען אריין..

די פראגראם וועט צושטעלן דירעקטע הילף פאר צייטונג, דיגיטאלע און בראודקעסט מידיע ביזנעסער דורכאויס ניו יארק, און צושטעלן שטיצע פאר די קריטישע אינדוסטרי.

**אסעמבלי מאן Al Stirpe (על סטורפי) האט געזאגט**, "איבער די יארן, האבן מיר צוגעזעהן ווי צופיל לאקאלע צייטונגען און מידיע פירמעס מוטשענען זיך און הערן אויף אפערירן. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פראגראם טוט ספעציפיש צילן די ביזנעסער און העלפט האלטן לאקאלע נייעס פריש, האלטנדיג די קאמיוניטי גוט-אינפארמירט און בעסער פארבינדעט."

**עמפייער סטעיט לאקאלע נייעס קאעליציע (Empire State Local News Coalition) גרינדער און עקזעקיוטיוו דירעקטאר Zachary Richner (זעקערי ריקנער) האט געזאגט**, "די היסטארישע צייטונג און בראודקעסט מידיע דשאבס פראגראם וועט נישט בלויז אנהאלטן די קריטישע לאקאלע נייעס עקא-סיסטעם אין אונזער סטעיט, נאראויך שטיצן טויזנטער לאקאלע דשאבס. מיר דאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) און די אלע ערוועהלטע באאמטע וואס האבן געקעמפט פאר די לעגיסלאציע, וואס איז געווארן א ביישפיל פאר סטעיט'ס איבער'ן לאנד. אונזער קאעליציע איז שטאלץ צו האבן אנגעפירט די שתדלנות וואס האט פארווירקליכט דעם פראגראם, און מיר קוקן ארויס ווייטער צו ארבעטן מיט'ן גאווערנאר אויף די וויכטיגע, ערשטע-אינעם-לאנד איניציאטיוו."

**ניו יארק סטעיט בראודקעסטערס עסאוסיעישען ( New York State Broadcasters Association) פרעזידענט David L. Donovan (דעיוויד ל. דאנאוועו) האט געזאגט**, "די איניוואטיווע שטייער קרעדיט פראגראם בענעפיטירט אלע בירגער אין יעדער קאמיוניטי דורכאויס ניו יארק דורך העלפן פרעזערווירן לאקאל-פראדוצירטע ברודקעסט נייעס און פובליק אינטערעס פראגראמען. לאקאלע ראדיאו און טעלעוויזיע סטאנציעס טוען צאמברענגען קאמיוניטיס און צושטעלן לעבנס-רעטנדע אינפארמאציע בשעת עמערדשענסיס. מיר באדאנקען גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר פאראויס-קוקנדע צוגאנג צו פארזיכערן אז בירגער אין די עמפייער סטעיט בלייבן אינפארמירט איבער זייער רעגירונג און די קאמיוניטיס אין וועלכע זיי וואוינען."

**ניו יארק נייעס פובלישער עסאוסיעישען (New York News Publishers Association) פרעזידענט Diane Kennedy (דייען קענעדי) האט געזאגט**, "צייטונגען טוען פארבינדן די איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט, פון שטילע קליינע טאונס ביז אונזערע גרעסטע סיטיס דורך צושטעלן צייטליכע, קראנטע אינפארמאציע איבער די פאסירונגען וועלכע אפעקטירן זייערע לעבנס. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) שטייער קרעדיט איניציאטיוו וועט האלטן דשורנאליסטן ביי זייערע ארבעט, דעקנדיג טאון באורדס, הויך-שולע ספארטס, סיטי רעגירונגען און קונסט קאמיוניטיס וועלכע דינען אלס די וועבעכץ פון ציווילע לעבן אין קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט. גאווערנאר Hochul (האקול) האט אנערקענט די

פארלוסט פון צייטונג דשאבס וואס איז געקומען פון די דראמאטישע טויש אין די מידיע עקא-סיסטעם, און איז אריין אין בילד צו העלפן צייטונגען בויען א בריק צו א צוקונפט וואו לאקאלע צייטונגען קענען מצליח זיין."

**ניו יארק פרעסע אסאוסיעישען (New York Press Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Bryce Jacobson (ברייס דשעיקאבסאן) האט געזאגט,** "די אמת'ער געניסער פון די פראגראם זענען ניו יארקער זעלבסט — מענטשן פארבינדעט דורך געמיינזאמע געגנטער, קאלטורן, שפראכן און טראדיציעס. דורך שטיצן קאמיוניטי-באזירטע מידיע אוטלעטס אין די צייט וואס זיי אינוועסטירן אין זייערע ארבעטסקראפט און פארשטערקערן וויאזוי זיי זאמלען און טיילן מיט נייעס, טוט די פראגראם העלפן פארזיכערן אז לאקאלע דשורנאליזעם בלייבט צוטריטליך און ביים אויבן-אן. עס באפעסטיגט די וויכטיגע ראלע וואס די אוטלעטס שפילן און פארטרעטן און פארבינדן קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק — אנליין, אין צייטונגען, און אויף ראדיאו און טעלעוויזיע."

**צוריקבויען לאקאלע נייעס קאעליציע (Rebuild Local News Coalition) פארזיצער Steven Waldman (סטיווען וואלדמאן) האט געזאגט,** "די היסטארישע באמיאונג צו העלפן פרעזערווירן און אויפלעבן קאמיוניטי מידיע אין ניו יארק האט זיך יעצט אנגעפאנגען! עס וועט צושטעלן באדייטפולע שטיצע פאר נייעס ארגעניזאציעס וועלכע טוען אויפנעמען און אנהאלטן צו לאקאלע נייעס באריכטער און אנדערע מידיע דשאבס. מיר דאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור — און זענען באמת דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון די שטאב ביי ESD צו שאפן א הויכע-קוואליטעט פראגראם. מיר טוען שטארק מוטיגן אלע לאקאלע מידיע גרופעס זיך איינצוגעבן!"

**אלבעני נייעס גילד, לאקאל 31034 (Albany NewsGuild, Local 31034) פרעזידענט Wendy Liberatore (ווענדי ליבערעיטאר) האט געזאגט,** "די שטייער קרעדיט איז א לעבנס-ליניע פאר דשורנאליזעם, וואס מוטשעט זיך שוין צענדליגע יארן אלס רעזולטאט פון די טוישנדע עקאנמיקס פונעם אינדוסטרי. איך וואלט שטארק געמוטיגט אלע בארעכטיגטע צייטונג ארויסגעבער און בראודקעסטער צו אויסנוצן דעם פראגראם צ פארזיכערן אז דושרנאליזעם, וואס איז אזוי וויכטיג פאר א געזונטע דעמאקראטיע, בלייבט וויכטיג אין די עמפייער סטעיט. די אלבעני נייעס גילד באדאנקט גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן שטיצן די שטייער קרעדיט וואס וועט פארזיכערן אז נייעס-צימערן בליען ווייטער דורכאויס דעם סטעיט."

**געוועזענע אלבעני נייעס גילד, לאקאל 31034 פארגאנגענע פרעזידענט Ken Crowe (קען קראו) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul's (האקול) שטיצע איז גאר וויכטיג געוועהן פאר די לעגיסלאציע צו שטיצן שטייער קרעדיטס פאר די שאפונג און אנהאלטונג פון דשורנאליזעם דשאבס אין א צייט וואס עס פעלט זיך אויס דושרנאליסטן צו אינפארמירן דעם פובליק און פארשטערקערן אונזער דעמאקראטיע. גאווערנאר Hochul's (האקול) וויסנשאפט איבער די אומשטענדן אין וואס די סטעיט'ס מידיע סעקטאר געפונט זיך האט פארזיכערט די פינאנצירונג. CWA דיסטריקט 1 וויצע פרעזידענט Dennis Trainor (דעניס טרעינאר), NYS AFL-CIO פרעזידענט Cilento (סילענטאו) און די נייעס גילד-CWA פרעזידענט Jon Schleuss (דשאן שלוס) האבן אנערקענט די וויכטיגקייט פון די שטייער קרעדיטס אין ניו יארק סטעיט'ס ערשטע אזעלכע סארט פינאנצירונג באמיאונג פאר צייטונגען גרויס און קליין, די ערשטע אזא סארט אין די פאראייניגטע שטאטן. די סטעיט'ס גילד לאקאלן אין אלבעני, באפעלאו און ניו יארק האבן געארבעט צוזאמען — מיט די ניו יארק נייעס פובלישערס עסאוסיעישען אלס אליאירטע — צו צושטעלן פינאנציעלע שטיצע צו העלפן מידיע פירמעס זיך באגיין מיט די אריבערגאנג צו א דיגיטאלע צוקונפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן